# BIN IKH MIR A SHNAYDERL בין איך מיך א שנײַדערל

Bin ikh mir a shnayderl,
Leb ikh mir tog oys tog ayn,
Lustik, freylekh, fayn.
Zog mir, shnayderl, libinker un guter,
Geyt dir di nodl genug oyf broyt un puter ?
Ikh makh a vokh tzey gilden mit a drayer,
Ikh es nor broyt vayl puter iz tsu tayer.

בין איך מיך אַ שנײַדערל,
לעב איך מיר טאָג-אויס טאָג-אײַן
לוסטיק , פֿריילעך, פֿײַן.
זאָג מיר, שנײַדערל, ליבינקער און גוטער
גייט דיר די נאָדל גענוג אויף ברויט און
פּוטער?
איך מאַך אַ וואָך צוויי גילדן מיט אַ דרײַער,
איך עס נאָר ברויט ווײַל פּוטער איז צו טײַער.

Bin ikh mir a shusterl,
Leb ikh mir tog oys tog ayn,
Lustik, freylekh, fayn.
Zog mir, shusterl, hostu vos tsu kayen ?
Felt dir oyset hostu vos tsu layen ?
Keyner layt nisht, keyner git keyn orves,
Ikh bin a shuster, gey ikh take borves.

בין איך מיך אַ שוסטערל
לעב איך מיר טאַג-אויס טאַג-אײַן,
לוסטיק , פֿריילעך, פֿײַן
זאָג מיר שוסטערל, האָסטו וואָס צו קײַען?
פֿעלט דיר אויסעט האָסטו וואָס צו לײַען?
קיינער לײַט נישט, קיינער גיט קיין ערבֿות,
איך בין אַ שוסטער, גיי איך טאַקע באָרוועס.

Bin ikh mir a kremerl,
Leb ikh mir tog oys tog ayn,
Lustik, freylekh, fayn.
Zog mir kremerl,
tsu host mit vos tsu handlen?
Host in kreml rozhinkes mit mandlen ?
Ikh hob in kreml far tzvey groshn skhoyre
Ikh shlep dem dales un ikh dank dem
boyre.

בין איך מיך אַ קרעמערל,
לעב איך מיר טאָג-אויס טאָג-אײַן,
לוסטיק , פֿריילעך, פֿיין.
זאָג מיר, קרעמערל,
צו האָסט מיט וואָס צו האַנדלען?
האָסטו אין קרעמל ראָזשינקעס מיט
מאַנדלען?
איך האָב אין קרעמל פֿאַר צוויי גראָשן
סחורה,
איך שלעפּ דעם דלות און איך דאַנק דעם
בורא.

Bin ikh mir a blekherl,
Leb ikh mir tog oys tog ayn,
Lustik, freylekh, fayn.
Zog mir blekherl,
vi groys iz bay dir di noyt?
Hostu nicht keyn bulkes,
hostu khotch broyt ?
Ikh zits un klap bay yenem fremde dekher,
Bay mir in shtub rint fun ale lekher.

בין איך מיך אַ בלעכערל
לעב איך מיר טאַג-אויס טאַג-אײַן,
לוסטיק , פֿריילעך, פֿײַן.
זאָג מיר בלעכערל,
ווי גרויס איז בײַ דיר די נויט?
האָסטו נישט קיין בולקעס,
האָסטו כאָטש ברויט?
איך זיץ און קלאַפּ בײַ יענעם דעכער,
בײַ מיר אין שטוב רינט פֿון אַלע לעכער.